**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען שריט צו היטן אויף זייער פערזענליכע שטייער אקאונט אינפארמאציע דורכאויס דעם שטייער סעזאן

***ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו לערנען וויאזוי זיך צו באשיצן פון האבן זייערע פריוואטע אינפארמאציע ארויסרינען אויף די אינטערנעט***

***סטעיט'ס טשיף פרייוועסי אפיסער און טשיף סייבער אפיסער שטעלן זיך צוזאם מיט סטעיט אגענטורן צו פארמערן אויפמערקזאמקייט איבערן היטן אויף פערזענליכע אינפארמאציע פון ארויסרינען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט שריט וואס ניו יארקער קענען אונטערנעמען צו באשיצן זייער עמפינדליכע אינפארמאציע פון ארויסרינען אויף די אינטערנעט דורכאויס דעם שטייער סעזאן. די סטעיט'ס אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס ( Office of Information Technology Services, ITS) זיך צוזאמגעשטעלט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו פארשפרייטן טיפּס צו העלפן ניו יארקער באשיצן זייער פערזענליכע אינפארמאציע דורכאויס דעם שטייער סעזאן, אויפמערקזאם מאכנדיג מענטשן איבער 'פישינג' שווינדלערייען, צו נוצן שטארקע פעסווארדס און זיך אויפצופירן מער פארזיכטיג מיט אינפארמאציע וואס ווערט מיטגעטיילט אויף סאָושעל מידיע.

"אין א וועלט וואס ווערט מער און מער דיגיטאל, דארף יעדער ניו יארקער אונטערנעמען די פונדאמענטאלע שריט צו באשיצן זייער עמפינדליכע אינפארמאציע פון אינטערנעט קרימינאלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכאויס דעם שטייער סעזאן פארמערן מיר די אויפמערקזאמקייט פון מענטשן איבער אזעלכע שווינדלערייען, און מיר מוטיגן אלע ניו יארקער צו באשיצן זיך און זייער פערזענליכע אינפארמאציע כדי זיך צו פארמיידן פון ווערן געציהלט דורך די געוויסנלאזע פארשוינען."

אינטערנעט אקטיוויטעטן לאזן איבער גאר אסאך אינפארמאציע. וועבזייטלעך, עפּס און סערוויסעס זאמלען אינפארמאציע איבער די וועג וויאזוי זייערע באניצער פירן זיך אויף, זייערע אינטערעסן און איינקויפונגען און אזוי אויך אנדערע עמפינדליכע אינפארמאציע ווי סאָושעל סעקיוריטי און דרייווער'ס לייסענס נומערן אדער געזונטהייט אינפארמאציע. ניו יארקער קענען האלטן זייער פערזענליכע אינפארמאציע פריוואט און פארזיכערט, פארמיידנדיג אידענטיטעט גניבה און שווינדלערייען דורך:

- פיילן שנעלערהייט נוצנדיג e-file און דורך א דירעקט דעפּאזיט פון אייער טעקס ריפאָנד. פיילן אייערע טעקס ריטוירנס ווי שנעלער מעגליך קען פארקלענערן די אויסזיכטן אז אן אידענטיטעט גנב וועט קענען באקומען א טעקס ריפאָנד אין אייער נאמען נוצנדיג אייער געגנבה'טע אינפארמאציע. פיילן עלעקטראניש איז אויך זיכערער, שנעלער און מער ווירקזאם ווי ארייַנשיקן א ריטוירן אויף פאפיר דורך די פאסט.
-בארעכטיגטע שטייער באצאלער קענען עלעקטראניש אויספילן און אריינגעבן זייערע פעדעראלע און ניו יארק סטעיט איינקונפט טעקס ריטוירנס דורך די אינטערנעט

אומזיסט. אומזיסטע פיילינג סאפטווערס ערלויבן אייך צו פיילן פונדערהיים, עלימינירנדיג די נויט צו טראגן עמפינדליכע אינפארמאציע ארויס פון א זיכערע לאקאציע.
-באזוכט די טעקס דעפּארטמענט וועבזייטל, tax.ny.gov, צו זעהן פארשידענע אומזיסטע פיילן אפציעס. דרוקט אויף "Free File your income tax return" (פיילט אייער איינקונפט טעקס ריטורן אומזיסט) אויף די טעקס דעפּארטמענט וועבזייטל'ס היים בלאט.
-דורכן אויסוועהלן דירעקט דעפּאזיט פאר אייער טעקס ריפאָנד וועט איר עס באקומען צוויי וואכן פריער אנשטאט עס האבן געשיקט צו אייך אלץ א טשעק מיט די פאסט.

- באשיצן אינפארמאציע און דאקומענטן וועלכע ווערן גענוצט צו צוגרייטן אייער ריטורן. האלט עמפינדליכע פערזענליכע אינפארמאציע און דאקומענטן זיכער דורכאויס און נאך די פיילינג פראצעדור, און מעקט אויס אדער צושניידט אויף קליינע שטיקלעך ווען עס איז מער נישט נויטיג.
- זיין פארזיכטיג איבער 'פישינג שווינדלערייען', אריינרעכענענדיג טעקסט מעסעדזשעס, אומגעבעטענע אימעילס און טעלעפאן קאָלס וועלכע בעטן פערזענליכע אינפארמאציע. טיילט נישט מיט קיין פערזענליכע אינפארמאציע, ווי למשל אייער סאָושעל סעקיוריטי נומער, אין ענטפער צו אן אומגעבעטענע אימעיל אדער טעלעפאן קאָל. אויב די אימעיל אדער טעלעפאן רוף גיבט זיך אן צו קומען פון א פירמע מיט וועם איר האט ביזנעס, רופט זיי אן קודם צו פעסטשטעלן אז עס קומט פון זיי. שווינדלער ווילן אפטמאל זיך באנוצן מיט אנשרעקנדע טאקטיקן און דראונגען פארבינדן מיט שטייער חובות אייך צו דרוקן ארויסצוגעבן אייער פערזענליכע און פינאנציעלע אינפארמאציע.
-דרוקט נישט אויף לינקס, דאַונלאָודט נישט קיינע פיילס און עפנט נישט בייגעלייגטע פיילס צו אימעילס פון אומבאקאנטע מקורות. עפנט נאר בייגעלייגטע פיילס אויב איר ערווארט זיי צו באקומען און די אינהאלט דערפון איז באקאנט.
- זיין פארזיכטיג איבער די אינפארמאציע וואס ווערט מיטגעטיילט אויף סאָושעל מידיע. האלט זיך צוריק פון פארפענטליכן אייער געבורטס דאטום, טעלעפאן נומערן, היים אדרעסן אדער בילדער וועלכע קענען ארויסגעבן אייער באשעפטיגונג אדער האַביס. די אינפארמאציע קען אפט גענוצט ווערן צו אנטפלעקן די ענטפערס צו זיכערהייט פראגן וועלכע ווערן גענוצט צו מאכן נייע פעסווארדס, און זיי קענען גענוצט ווערן דורך שווינדלער וועלכע זוכן צו צוקומען צו אקאונטס און צו פערזענליכע אינפארמאציע.
- נוצן שטארקע פעסווארדס. מאכט אן אנדערע, קאמפליצירטע פעסווארד פאר יעדע אקאונט. נעמט אין באטראכט צו נוצן פאר די פעסווארד א געמיש פון עטליכע קורצע ווערטער וואס זענען גרינג צו געדענקען אבער שווער פאר א קאמפיוטער צו צוטרעפן, צום ביישפיל "!Correct-Horse-Battery-Staple". נעמט אין באטראכט צו נוצן א 'פעסווארד מענעדזשער' פראגראם וואס גיבט ארויס און לייגט זיכערערהייט אוועק פעסווארדס.

**ניו יארק סטעיט טשיעף סייבער אפיסער, קאַלין אהערן, האט געזאגט,** "ניו יארק נעמט אן א פירערשאפט ראלע אין פריוואטקייט און סייבער סעקיוריטי אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג. די איבערגעגעבענע רעקאמענדאציעס קענען העלפן ניו יארקער באשיצן זייער פריוואטע אינפארמאציע, באזונדערס דורכאויס דעם שטייער סעזאן."

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגע קאמישאנער פון שטייערן און פינאנץ, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "דער שטייער סעזאן איז א פארנומענע צייט פאר סייבער קרימינאלן וועלכע זוכן אייביג וועגן צו אנקומען צו- און גנב'ענען אייער פערזענליכע אינפארמאציע. מאכט עס נישט גרינג פאר זיי: זייט פארזיכטיג ביים באשיצן עמפינדליכע אינפארמאציע דורכן נאכפאלגן די פשוט'ע טיפּס."

**NYS אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס טשיעף אינפארמאציע אפיסער, ענדזשעלאָ 'טאָוני' רידיק האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט האט ניו יארק סטעיט אונטערגענומען וויכטיגע שריט צו פארשטערקערן זיכערהייט אויף די אינטערנעט דורכן היטן אויף פערזענליכע אינפארמאציע, מינימיזירנדיג די סכנה און גיבן פאר שטייער באצאלער די כלים וואס זיי דארפן צו העלפן זיך באשיצן פון סייבער קרימינאלן. באנוצט זיך מיט די פשוט'ע עצות צו באשיצן אייער עמפינדליכע אינפארמאציע און בלייבט פארזיכטיג קעגן סיי וועלכע פאטענציאלע שטייער שווינדלערייען."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס טשיעף פרייוועסי אפיסער, מישעל דזשאָונס, האט געזאגט,** "דער שטייער סעזאן ברענגט מיט זיך גרעסערע סכנות פאר מענטשן און פאמיליעס אזוי ווי סייבער קרימינאלן זוכן צו אויסנוצן אינפארמאציע אויף די אינטערנעט פאר שווינדלערישע צוועקן. דורכאויס דעם שטייער סעזאן זעץ איך פאר צו מוטיגן אלע ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם מיט זייער פערזענליכע זיכערהייט אויף די אינטערנעט און נאכפאלגן אונזערע עצות און רעקאמענדאציעס."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארקער מוזן אייביג זיין פארזיכטיג צו באשיצן זייער פערזענליכע אינפארמאציע, אבער דער שטייער סעזאן ברענגט אן אייגנארטיגע סכנה אזוי ווי שווינדלער ארבעטן צו גנב'ענען געהיימע אינפארמאציע צו ארויסשארן טעקס ריפאָנדס. פיילן אייער טעקס ריטורן פרי טוט נישט נאר פארזיכערן א פריע ריפאָנד נאר עס רעדוצירט אויך אייערע אויסזיכטן פון פאלן א קורבן צו די גניבה פון אייער טעקס ריטורן און מעגליך זאגאר אייער אידענטיטעט. זייט פארזיכטיג און קלוג דורכן אויספאלגן די טיפס — זיי זענען די בעסטע וועג זיך אליין צו באשיצן און צו באשיצן אייערע טעקס ריפאָנד דאלארן."

**באריכט עס**

אויב איר זענט ארייגעפאלן, אדער איר פארדערכטיגט איר זענט א קרבן פון שטייער-פארבינדענע אידענטיטעט גניבה, לאזט אונז וויסן תיכף. מיר וועלן נאכשפירן אייער אינפארמאציע עס צו האלטן פריוואט און אפגעהיטן. באזוכט די טעקס דעפארטמענט'ס באריכטן פעלשערייען, שווינדלערייען און אידענטיטעט גניבה וועבזייטל.

באקומט מער אינפארמאציע און אויפקלערונג מיטלען פון די ITS און פון די NYS טשיעף אינפארמאציע זיכערהייט אפיס נייעס בלעטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער שטייער שווינדלערייען, באזוכט ביטע אויך די דיוויזיע פון קליענט באשיצונג'ס (Division of Consumer Protection) שטייער שווינדלערייען וועבזייטל. פאר נאך הילפס-מיטלען מיט אידענטיטעט גניבה פארמיידונג און שאדן פארמינערונג, רופט די הילף האטליין אויף 800-697-1220 אדער באזוכט די דיוויזיע'ס אידענטיטעט גניבה פארמיידונג און שאדן פארמינערונג פראגראם (Identity Theft Prevention and Mitigation Program) וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418